# טעם לד' כוסות און דער חיוב הסיבה ביי דעם סדר

פסח

טעם לד' כוסות / גדר חיוב הסיבה / אכל מצה בלי הסיבה
שתה ד' כוסות בלי הסיבה / חיוב כללי או חיוב פרטי

לע"נ זאב ארי' ע"ה בן יבלחט"א שניאור זלמן גליק

אין מסכת פסחים[1] זאָגט די גמרא: ״תנו רבנן הכל חייבין בד׳ כוסות . . אחד תינוקות. אמר ר׳ יהודה וכי מה תועלת יש לתינוקות ביין.״ (מיר האָבן געלערנט אַז אַלע זיינען חייב אין ד׳ כוסות, אויך תינוקות. האָט ר׳ יהודה געזאָגט וואָס פאַר אַ ״תועלת״ האָבן תינוקות מיט טרינקען ווייַן!?) און דעריבער האַלט ר׳ יהודה אַז מען דאַרף טאָן אַנדערע זאַכן פאַר די תינוקות בכדי אַז זיי זאָלן זיין בשמחה, לדוגמא, געבן זיי קליות ואגוזים.

דער רשב״ם[2] איז מבאר דער טעם פון ר׳ יהודה: ״והלא פטורין מן המצוות״! (קטנים זיינען פטור פון מצוות איז ווי קען מען זיי מחייב זיין צו טרינקען ד׳ כוסות.)

דער ר״ן[3] איז מבאר באופן אחר, ״בכי הא לא שייך לחנוכי במצוות דכיון שאין נוהגין ושמחין בו אין להם דרך חירות!״ (אין דעם איז ניט שייך צו זיי מחנך זיין, ווייל קטנים האָבן ניט הנאה פון ווייַן, איז אינגאַנצן ניטאָ דער ענין פון חירות.)

דאָס הייסט, כאָטש אַז ביי יעדער מצוה איז דאָ דער ענין פון חינוך, איז אָבער ביי דער מצוה ניט שייך דער ענין פון חינוך, ווייל דער ענין פון טרינקען ד׳ כוסות איז בכדי אַז מען זאָל פילן שמחה - וואָס דאָס איז דרך חירות, אָבער קטנים פילן ניט שמחה דורך טרינקען ווייַן, איז ניט שייך דאָ דער גאַנצער ענין החינוך.

מען קען זאָגן אַז דער רשב״ם און דער ר״ן קריגן זיך אין דער ענין און גדר פון ד׳ כוסות. ובהקדם:

ווייטער אין דער פרק[4] זאָגט די גמרא ״ד׳ כוסות תיקנו חכמים דרך חירות,״ אָבער דער רשב״ם איז ניט גורס די ווערטער ״דרך חירות.״ ויש לומר אַז דער ר״ן איז גורס ״דרך חירות״ און האַלט אַז דער ענין

1. קח, ב
2. ד״ה וכי מה יש תועלת לתינוקות
3. ד״ה מה תועלת לתינוקות ביין
4. קיז, ב

פון טרינקען ד׳ כוסות איז צוליב פילן חירות. און דער רשב״ם וואָס איז ניט גורס די ווערטער ״דרך חירות״ האַלט אַז דאָס איז ניט דער ענין פון ד׳ כוסות.

**ב** דער ביאור אין דעם קען מען זאָגן:

אין דער מקור אויף די ד׳ כוסות ברייִנגט זיך אין גמרא ירושלמי[5] אַ פּאָר טעמים: ״ר׳ יהודה בשם ר׳ בניי׳ כנגד ד׳ גאולות״ (דער פני משה איז מפרש אַז דאָס מיינט כנגד ד׳ לשונות של גאולה.) ״ר׳ יהושע בן לוי אמר כנגד ד׳ כוסות של פרעה . . ר׳ לוי אמר כנגד ד׳ מלכויות,״ און נאָך טעמים.

קען מען זאָגן אַז דער חילוק פון דער טעם ״כנגד ד׳ לשונות של גאולה״ און די אַנדערע טעמים איז: לויט די אַנדערע טעמים איז ניט אַזויפיל בגלוי ביי די ד׳ כוסות דער ענין פון גאולה און חירות, אָבער לויט דער טעם (ד׳ לשונות של גאולה) איז דער ענין החירות מער בגלוי.

ויש לומר אַז דאָס איז די מחלוקת צווישן דער ר״ן מיטן רשב״ם: דער ר״ן האַלט אַז דער טעם עיקרי איז דער טעם פון ״כנגד ד׳ לשונות של גאולה,״ און דער רשב״ם האַלט אַז איינע פון די אַנדערע טעמים איז דער טעם העיקרי.

**ג** פון דער חילוק (אויב ד׳ כוסות איז אַן ענין פון חירות אָדער ניט), קען אַרויסקומען אַ נפקא מינה להלכה, ובהקדים:

אין דעם אַלטן רבי׳נס שולחן ערוך סימן תע״ב סעיף ז׳ שטייט ״ויכין מקום מושבו שישב בהסיבה דרך חירות . . לפי שבכל דור ודור חייב אדם להראות את עצמו כאילו הוא עתה יוצא משעבוד מצרים . . לפיכך צריך לעשות כל מעשה לילה זה דרך חירות.״ )מען זאָל צוגרייטן דער פּלאַץ אַז מ׳זאָל קענען זיצן בהסיבה (אָנגעלענטערהייט) דרך חירות ווייל אין יעדער דור דאַרף מען זיך באַווייזן ווי מ׳איז יעצט אַרויס פון

5. פסחים פרק י׳ הלכה א׳

מצרים, און דערפאַר דאַרפן אַלע מעשים פון דער נאַכט געטאָן ווערן דרך חירות.)

ווייטער, אין סעיף י״ד שרייבט דער אַלטער רבי: ״אימתי צריך להסב, בשעת אכילת כזית (מצה) . . ובשעת אכילת הכריכה מצה ומרור ובשעת אכילת אפיקומן ובשעת שתיית ד׳ כוסות לפי שכל דברים אלו הם זכר לגאולה ולחירות״ (ווען דאַרף מען זיצן בהסיבה, ביים כזית מצה, כורך, אפיקומן און ביים טרינקען די ד׳ כוסות. ווייל די זאַכן זיינען אַ זכר צו די גאולה און פרייהייט.)

דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס איז דער אַלטער רבי מבאר נאָכאַמאָל אין סעיף י״ד דער טעם אויף הסיבה, ער האָט עס שוין מבאר געווען אין סעיף ז׳ - צו באַווייזן חירות?

און אויב מען וועט זאָגן אַז דער אַלטער רבי וויל דאָ מבאר דאָס וואָס מען דאַרף מיסב זיין דוקא ביי די זאַכן און נישט ביי אַנדערע חלקים פון דער סדר, וואָלט ער לכאורה געדאַרפט דאָ מבאר זיין דאָס וואָס ביי די אַנדערע זאַכן דאַרף מען ניט מיסב זיין!?

ד וועט מען דאָס פאַרשטיין דורך פריער מבאר זיין, אין וואָס באַשטייט די תקנת חכמים פון הסיבה.

מען קען דאָס מבאר זיין אויף צוויי אופנים:

דער ערשטער אופן איז: פונקט ווי אין אַלע מצוות פון דער נאַכט זיינען פאַראַן פרטים ווי מען דאַרף זיי מקיים זיין, לדוגמא, מען דאַרף עסן אַ כזית מצה, און דוקא לחם עוני וכיוצא בזה. און אין ד׳ כוסות זיינען דאָ אַנדערע פרטים (דער שיעור פון וויין וואָס מען דאַרף טרינקען א.א.וו.). האָבן די חכמים מתקן געווען אַז דער אופן ווי מען דאַרף עסן די מצה און טרינקען די ד׳ כוסות איז בהסיבה (צו באַווייזן חירות.)

דער צווייטער אופן: די חכמים האָבן מתקן געווען אַז בכדי צו באַווייזן חירות דאַרף מען זיצן בהסיבה, באמת וואָלט מען געדאַרפט זיצן

בהסיבה דורך דער גאַנצער סדר, אָבער בפועל האָבן זיי מתקן געווען אַז נאָר ביי די פּאָר זאַכן דאַרף מען זיצן בהסיבה.

די נפקא מינה צווישן די צוויי אופנים איז, אויב איינער האָט ניט מיסב געווען ביי אכילת כזית מצה, איז לויט דער ערשטער אופן האָט ער ניט מקיים געווען מצות אכילת מצה כדבעי (מדרבנן.) אָבער לויט דער צווייטער אופן האָט ער יוצא געווען מצות אכילת מצה ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר מצות הסיבה האָט ער ניט ריכטיג מקיים געווען.

די נפקא מינה אין הלכה בפועל איז: די הלכה איז אַז אויב מען האָט ניט מיסב געווען בשעת אכילת מצה דאַרף מען נאָכאַמאָל עסן אַ כזית מצה בהסיבה. אויב מען זאָגט אַז מדרבנן האָט מען ניט יוצא געווען מצות אכילת מצה, דאַרף ער עסן נאָכאַמאָל מצה מיט אַ ברכה "על אכילת מצה." אָבער אויב מען זאָגט אַז נאָר מצות הסיבה האָט ער ניט יוצא געווען, עסט ער נאָכאַמאָל מצה אָבער אָן קיין ברכה.

> נאָך אַ נפקא מינה: אויב איינער האָט געגעסן מצה שלא בהסיבה און נאָכדעם איז ער געגאַנגען צו אַן אָרט וואָס דאָרטן איז ער ניט מחוייב בהסיבה, לדוגמא, ער איז געגאַנגען לפני רבו, און יעצט האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער האָט ניט מיסב געווען פריער. אויב מען זאָגט אַז מדרבנן האָט מען ניט יוצא געווען מצות אכילת מצה דאַרף ער נאָכאַמאָל עסן אַ כזית מצה (כאָטש אַז יעצט איז עס שלא בהסיבה.) אויב מען זאָגט אַז נאָר מצות הסיבה האָט ער ניט יוצא געווען, דאַרף ער ניט עסן אַ כזית מצה נאָכאַמאָל, ווייל יעצט קען ער סיי ווי ניט מקיים דער ענין פון הסיבה.

ה מען קען ברייננגען אַ ראי' צו דעם ערשטען אופן: אין מסכת פסחים[6] ווען די גמרא רעדט וועגן ווער איז מחוייב און ווער איז נישט מחוייב אין הסיבה, פרעגט די גמרא "שמש מאי"? (וואָס איז דער דין ביי אַ שמש וואָס עסט ביי דעם וועלכן ער איז משמש). ענטפערט די גמרא "תא שמע, דאמר ר' יהושע בן לוי השמש שאכל כזית מצה כשהוא מיסב יצא. מיסב אין לא מיסב לא, שמע מינה. (מען האָט געלערנט, ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט, אַ שמש וואָס האָט געגעסן אַ

6. קח, א

כזית מצה זיצנדיק בהסיבה האָט ער יוצא געווען. פון דעם זעט מען אַז ער איז מחוייב בהסיבה.) דער משמעות פון די גמרא איז אַז אויב ער האָט געגעסן מצה ניט בהסיבה איז ער ניט יוצא דער חיוב פון **מצה**.

> אין רא״ש איז מפורש ווי אָט דער אופן, דער רא״ש איז מבאר - לויט איין סברא - אַז אויב מען האָט ניט מיסב געווען ביי די לעצטע צוויי כוסות דאַרף מען זיי נאָכאַמאָל טרינקען בהסיבה, כאָטש אַז עס איז פאַראַן אַ סברא אַז עס קוקט אויס ווי ער טרינקט מער ווי ד׳ כוסות, ווייל ״כיון ששתה שלא כתיקונו הוברר הדבר שלא ממנין הכוסות הי״״ (וויבאַלד אַז ער האָט די כוסות געטרונקען ניט ווי מען דאַרף זיי טרינקען, איז קלאָר אַז די כוסות זיינען ניט אַ חלק פון די ד׳ כוסות.) פון דעם איז קלאָר אַז דער רא״ש האַלט אַז אויב עס איז ניט געווען בהסיבה, פעלט אינגאַנצן די מצוה פון ד׳ כוסות!

לאידך גיסא איז אָבער משמע פון רמב״ם ווי דער צווייטער אופן: דער רמב״ם שרייבט[7] ״בכל דור ודור חייב אדם להראות עצמו כאילו הוא יצא היום מתחת שעבוד מצרים, לפיכך . . צריך לאכול ולשתות והוא מיסב דרך חירות״ (אין יעדער דור דאַרף מען זיך באַווייזן ווי מ׳איז יעצט אַרויס פון מצרים, דעריבער דאַרף מען עסן און טרינקען בהסיבה.)

פון דאָ איז קלאָר, אַז דער ענין פון הסיבה האָט מען מתקן געווען אַלס אַן ענין בפני עצמו, בכדי צו באַווייזן חירות.

בכדי צו מתווך זיין די צוויי ענינים וועלכע זיינען לכאורה סותר איינער דעם צווייטן, דאַרף מען זאָגן אַז ביידע זאַכן זיינען ריכטיק. עס זיינען דאָ פאַראַן צוויי תקנות פון די חכמים. איין תקנה איז, אַז בכדי צו באַווייזן חירות זאָל מען טאָן זאַכן וואָס באַווייזן אויף דעם - אַזוי ווי הסיבה. די צווייטע תקנה איז, אַז די זאַכן וואָס מען טוט זיי זכר לחירות זאָל מען זיי טאָן אין אַן אופן וואָס באַווייזט אויף חירות.

דער חילוק צווישן די צוויי תקנות איז, אויב איינער האָט נישט מיסב געווען ביי אַן אַנדער חלק פון דער סדר, האָט ער נישט מקיים געווען דער ענין פון הסיבה בשלימות. אָבער אויב איינער האָט ניט מיסב

7. הלכות חמץ ומצה פרק ז׳ הלכה ו-ז׳

געוועזן ביי איינע פון די זאַכן וואָס זיינען זכר לחירות, האָט ער ניט ריכטיג מקיים געווען אויך די מצוה פון מצה אָדער ד׳ כוסות.

לויט דעם ווערט פאַרענטפערט וואָס דער אַלטער רבי איז מבאר דער חיוב פון הסיבה צוויי מאָל: אין סעיף ז׳ איז דער אַלטער רבי מבאר דער ענין כללי פון הסיבה - אַז די גאַנצע נאַכט דאַרף זיין דרך חירות. און אין סעיף י״ד איז דער אַלטער רבי מבאר דער ענין פרטי פון הסיבה, וואָס ביי די זאַכן האָט מען מתקן געווען אַ מיוחד׳יקן ענין פון הסיבה, ווייל די זאַכן זיינען אַליין אַן ענין פון חירות.

לויט דעם קען מען זאָגן נאָך אַ נפקא מינה צווישן די שיטה פון ר״ן און די שיטה פון רשב״ם, צי די ד׳ כוסות זיינען אַן ענין פון חירות אָדער ניט: לויטן רשב״ם איז אין די ד׳ כוסות פאַראַן נאָר דער ענין כללי, אַז אַלע זאַכן פון סדר דאַרפן זיין דרך חירות. לויטן ר״ן אָבער, איז אין די ד׳ כוסות פאַראַן אויך אַ פרטיות׳דיקער חיוב פון הסיבה.

ז דער רבי ערקלערט אַז דער אמת׳ער ענין פון חירות איז, ווען איינער קען אויסנוצן זיינע כוחות צו דער פולסטער מאָס. דער ענין מיוחד ביי אַ איד איז, דאָס וואָס ער האָט אַ נשמה און קען מקיים זיין תורה און מצוות. זאָגט דער רבי, אַז דער אמת׳ער חירות פון אַ אידן איז, אַז ער זאָל מקיים זיין תורה און מצוות, און וואָס מער ער איז מקיים תורה ומצוות אַלץ מער איז ער בחירות.

על פי ליקוטי שיחות חלק י״א פשת וארא שיחה א׳

# קיצור לחזרה

1. מחלוקת רשב"ם והר"ן בביאור שיטת ר' יהודה מה שקטנים פטורים מד' כוסות.
2. מחלוקתם הוא בגדר ד' כוסות, להר"ן הוי מצד חירות, להרשב"ם הוי מטעם אחר.
3. אדה"ז מפרש ב' פעמים מה שמסובים בליל הסדר. וצריך ביאור למה.
4. חקירה בגדר הסיבה, מצווה כללית בפני עצמה או פרט במצוות הלילה.
5. הנפקא מינה אם אכל מצה בלי הסיבה אם צריך לברך באכילה שנית.
6. ראיות לב' הצדדים מהש"ס ומרמב"ם.
7. תיווך, ששניהם אמת ויש ענין כללי וגם ענין פרטי בהסיבה. על פי זה מבואר הקושיא.
8. על פי זה נפקא מינה אם בד' כוסות יש בהם ענין הפרטי של החירות.
9. החירות האמיתית היא קיום תורה ומצוות.